# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**ספר ויקרא**

**נתנדב לרפואת יהודה ארי׳ לייב בן עליזא**

בתוך שאר חולי ישראל

## פרשת אמור

# זיך איינקויפן א גוטן נאמען

**פרנס השבוע**

**משפחת פריעד**

לרגל הולדות בתם למז״ט

לרפואת שלימה

**יהודא בן רחל** בתושח״י

ע״י

הרוצה בעילום שמו

צו מנדב זיין רופט:

**347.451.0332**

אימעילט: Director@torasavigdor.org

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**



© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת אמור

שנה ג׳

# זיך איינקויפן א גוטן נאמען

תוכן:

חלק א. מאכן דעם באשעפער׳ס נאמען גרויס - חלק ב. מאכן דיין נאמען גרויס חלק ג. ווערן גרויס

## חלק א. מאכן דעם באשעפער׳ס נאמען גרויס

### אן ענין פון לעבן און טויט

איינע פון די פיל יסודות׳דיגע פסוקים וואס מיר באגעגענען אין די וואכעדיגע סדרה איז, **וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** - איך זאל געהייליגט ווערן צווישן די קינדער פון ישראל (אמור כב: לב). מיר קענען דאס אלס די מצוה פון **"קידוש ה׳"** וואס איז א פליכט אויף יעדן פון אונז - דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט אין הלכות יסודי התורה (פרק ה): **כל בית ישראל מצווין על קידוש השם** - יעדער וואס געהערט צו די הויזגעזינד פון אידן איז באפוילן צו הייליגן דעם נאמען פון באשעפער. "דאס גאנצע הויזגעזינד פון די אידן," זאגט דער רמב"ם און דאס באדייט אז עס איז עפעס וואס מיר אלע דארפן האלטן אין קאפ.

אויב וועט איר ארייננקוקן דארט אין רמב"ם, וועט איר זען אז די דאזיגע מצוה פון גרויס מאכן דעם באשעפער׳ס נאמען איז אזוי וויכטיג, אז צומאל פאדערט עס אז א איד זאל אפילו אוועקגעבן זיין לעבן דערפאר; א איד דארף זיין גרייט זיך צו לאזן הרג׳נען פאר די מצוה.

צום ביישפיל, אויב די גוים ווילן אים צווינגען זיך צו בוקן צו אן עבודה זרה, דארף ער זאגן, "נישטא וואס צו רעדן! איר קענט מיר הרג׳נען אבער איך וועל אזא זאך נישט טון." אדער אויב זיי ווילן אים צווינגען צו עובר זיין אויף גילוי עריות - זאגט ער זיי אז ער וועט דאס נישט טון. אבער זיי גייט נישט אן וואס ער זאגט, וועלן זיי סטראשענען, "מיר וועלן דיר הרג׳נען אויב דו וועסט דאס נישט טון." ווי די ווייב פון פוטיפר האט געזאגט צו יוסף הצדיק, "איך וועל דיר הרג׳נען אויב וועסטו נישט ערפילן מיין פארלאנג." **"וימאן"** - יוסף האט זיך קעגנגעשטעלט! אמאל דארף א איד זיין גרייט צו געבן זיין לעבן פאר׳ן כבוד פון באשעפער.

### אונזער גלארייכע היסטאריע

צוליב די דאזיגע מצוה האבן אידן אין אלע דורות באוויזן הערואישע מעשים. היינט צוטאגס

האט א גרויסער טייל פון דאס אידישע פאלק שוין פארלוירן איר שטאנדהאפטיגקייט אבער ביז נישט לאנג צוריק וואלט א איד זיך געלאזט אפשינדן די הויט לעבעדיגערהייט ווי איידער זיך צו בוקן צו א צלם. און מיינט נישט אז עס איז אנגעקומען גרינג איינמאל עס איז געמאכט געווארן דער באשלוס. עס טוט שרעקליך וויי צו ווערן אפגעשינדן די הויט לעבעדיגערהייט! דער ערליכער איד האט זיכער געשריגן פון ווייטאג אבער דאך האט ער נישט נאכגעגעבן.

קיין שום אנדער פאלק איז נישט געווען אזוי געטריי - יוסיפון דערציילט אונז אז צווישן די גריכן איז נישטא אפילו איינער וואס וואלט גרייט געווען צו ליידן דעם מינדעסטן ווייטאג פאר אזא זאך. אויב וואלט מען געסטראשעט א יווני אז ער זאל שעלטן הומרוס (א גאר פראמינענטער יונ'ישער שרייבער) און אויב נישט וועט מען אים ארויסנעמען א קליין מטבע פון זיין טאש, וואלט ער נישט געטראכט אפילו צוויי מאל - ער וואלט געשאלטן הומרוס און זיך געשפארט די מטבע! דאגעגן איז דער ערליכער איד געווען גרייט אויפצוגעבן זיין לעבן! ער האט שרעקליך געליטן און דאך געגאנגען צו זיין טויט פאר'ן כבוד פון באשעפער.

אין אייראפע, זענען געווען פיל מאל ווען אונזערע אור-עלטערן זענען געווארן באלאגערט דורך די קרייציגלער וועלכע האבן זיי געוואלט צווינגען זיך צו בוקן צום צלם. די אנגערייצטע מאסן האבן געזעצט אויף די טויערן פון שול און די אידן האבן געוואוסט אז באלד וועלן די טויערן אויפגעבראכן ווערן, די "פרידן ליבע" קריסטן וועלן אריינשטורעמען מיט זייערע העק כדי צו צווינגען די אידן צו אויסוועלן צווישן קריסטנטום ליבשאפט אדער טויט.

## גלארררייכע טויט

און וואס האט פאסירט? אינעם גרויסן שול זענען די אידן געשטאנען מיט מעסערס גרייט זיך אליין צו הרג'נען. און נישט נאר די צדיקים! די פשוט'ע אידן, די מוטערס און פאטערס זענען גרייט געווען אויסצופירן די מצוה פון **ונקדשתי!** די יונגע קינדער האבן זיי נישט געקענט געטרויען, דערפאר האבן זיי צוערשט גע'הרג'ט זייערע קליינע אינגלעך און מיידלעך. צומאל האבן די קינדער געזען וואס עס פאסירט זענען זיי אנטלאפן אונטער די בענק זיך צו ראטעווען, האבן די מוטערס זיי ארויסגעשלעפט ביי זייערע קליינע פיס און זיי אריינגעשטאכן אין האלז.

און דאן, נאך וואס אלע קינדער זענען געווען טויט, האבן די ערוואקסענע זיך אליין גע'הרג'ט - די מאמעס און די טאטעס, דער חתן און די כלה, דער תלמיד חכם און דער שוסטער; יעדער איז געשטארבן על קידוש ה' - און ענדליך ווען די קרייציגלער האבן אריינגעשטורעמט אין שול, האבן זיי געפונען א הייליגע קהלה ליגן טויט אין זייער אייגן בלוט. עס איז נישט געווען וועמען צו צווינגען צו שמד ווייל זיי האבן אנגעטראפן א פאלק פון געטרייע קנעכט וועלכע האבן פארשטאנען וואס עס מיינט צו מקיים זיין דעם פסוק פון **ונקדשתי בתוך בני ישראל.**

און דאס האט נישט פאסירט בלויז איין מאל. עס איז געשען נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל דורכאויס אונזער היסטאריע, זינט די ערשטע צייטן. ווי אזוי ווייסן מיר? אויסער וואס עס איז פארשריבן אין אונזערע מקורות, האבן די גוים דאס אליין דערציילט נאכאמאל און נאכאמאל. יוסיפון ברענגט נאך פון די פארצייטישע גריכישע שרייבערס - א גאנצע ליסטע

פון זיי - וועלכע באשרייבן ווי אזוי פשוט'ע אידן זענען געגאנגען צום טויט דורך פייניגונגען ווי איידער צו זאגן איין ווארט קעגן זייער תורה. מיר קענען צוריקקוקן שטאלץ אויף א לאנגע און גלאררייכע היסטאריע פון אור-עלטערן וועלכע זענען געשטארבן פאר'ן באשעפער'ס וועגן און געברענגט דעם גרעסטן כבוד פאר זיין נאמען אין זייערע לעצטע מינוטן.

## א לעבן פון קידוש ה'

אבער עס איז וויכטיג פאר אונז צו פארשטיין אז דאס איז נישט די גאנצע מצוה - עס איז דא פיל מער צו די מצוה פון ונקדשתי בתוך בני ישראל, ווי צו ווערן פארפייניגט צום טויט. אלזא וועלן מיר יעצט נישט לערנען די נושא פון שטארבן על קידוש ה' נאר פון לעבן אויף קידוש ה'.

אודאי, אויב איינער וועט זיך שטעלן פאר דיר מיט א צלם און ער וועט זאגן, "בוק זיך דערצו און אויב נישט..." דאן וועסטו נישט האבן קיין ברירה - דו וועסט זיך מוזן אנגארטלען מיט שטארקקייט און זיין גרייט צו אויפגעבן דיין לעבן, אבער אצינד וועלן מיר רעדן פון דעם טייל פון די מצוה וואס מאכט זיך פיל אפטער און איז דאך גארנישט ווייניגער וויכטיג.

ביים סוף פון דעם קאפיטל, אין הלכה יא, לייגט דער רמב"ם צו די פאלגנדע וויכטיגע און נוצבארע ידיעה: ער זאגט דארט אז א איד וואס לערנט תורה אדער אפילו נאר ער האט א נאמען פון עטוואס א פרומער איד און ער פירט זיך אויף ריכטיג צווישן די מיט וועמען ער קומט אין פארבינדונג, **הרי זה קידש את ה'** - דאס ברענגט כבוד פאר'ן נאמען פון באשעפער. דורך פשוט לעבן אנשטענדיג איז ער מקיים די מצוה פון אונזער היינטיגע פרשה.

## איר זענט אויפ'ן ארענע

מענטשן זעען דיר מיט א שווארצע הוט, אפשר טראגט איר אפילו א בארד אויך, ווייסן זיי אז איר זענט א איד. היינט טראגן אויך משוגעים א בארד אבער צומאל דערציילט שוין דער פנים אליין די מעשה. אפשר גייט איר מיט ציצית אינדרויסן - אדער כאטש א יארמולקע אויפ'ן קאפ - דאס אליין איז שוין גענוג אייך צו פארבינדן מיט די ארטאדאקסן. און א פרוי? די האר איז צוגעדעקט, זי איז האט אן א קלייד. אפילו מיידלעך - היינט קען מען דערקענען א בית יעקב מיידל אדער א בית רחל מיידל פון א מייל ווייט.

איז, איר זענט א איד, דאס איז וואס מענטשן זעען, און דאס מיינט אז אויסער אויב איר זענט א נזיר וואס באהאלט זיך אין די היילן און אין די בערג, האט איר א גרויסע אויפגאבע פאר אייך. איך זאג נישט אז ס'איז גרינג אבער סיי ווער עס געהערט צום ארטאדאקסישן לאגער האט ענדלאזע געלעגנהייטן צו מקיים זיין די מצוה פון די היינטיגע פרשה.

## גורם זיין מענטשן זאלן דיר ליב האבן

ווי אזוי טוט מען עס? אז דו ביסט פארזיכטיג צו באגריסן אנדערע מיט פריינטליכע געזיכט אויסדריקן און דו פירסט זיך אלעמאל אנשטענדיג און מיט אכטונג צו אנדערע. דו רעדסט ווייך צו מענטשן און דו פראבירסט שטענדיג צו זיין איינשטימיג מיט זיי. ווילאנג מען דארף

נישט מוותר זיין אויף פרינציפן, זאגסטו אלץ, "ביסט גערעכט," כדי צו מאכן מענטשן פילן גוט. דו גייסט ארויס פון דיין וועג צו געבן כבוד פאר יעדן, אפילו די וועלכע שעצן דיר נישט. נישט קיין חילוק וואס, פירסטו זיך אלעמאל ערליך אין דיינע געשעפטליכע האנדלונגען און ענטפערסט נישט צוריק ווען דו ווערסט פארשעמט.

יעדער געוועגליכער איד וואס איז פארזיכטיג מיט די זאכן, **הרי זה קדש את ה׳** - ער ברענגט כבוד פאר'ן באשעפער, ווייל מענטשן זאגן, "קוק אויף דער מענטש, דער פרומער איד. קוק אויף זיין אויפפירונג. איז דאס נישט א פיינער מענטש?" אויב מענטשן זאגן דאס איבער דיר, דאן ווייסטו אז דו האסט מצליח געווען. אויב ווערסטו זיך אויפפירן אין אזא וועג וואס מענטשן זענען צופרידן פון דיר, אז מענטשן האבן דיר ליב, דאן דינסטו דעם באשעפער!

## היטן דיין יעדן טריט

ס'איז א גרויסע אחריות ווייל דאס מיינט אז א שומר מצוות דארף אלעמאל אכטונג געבן נישט צו דורכפאלן. אט איז א ישיבה בחור וואס זיצט אויף א באס און עס איז דא א ליידיגער זיץ צו זיינע ביידע זייטן און אצינד קומען ארויף צוויי מענטשן אויפ'ן באס; עס זעט אויס ווי זיי קומען צוזאמען. זיי שמועסן און ווילן זיך אראפזעצן. זיצטו ווי א נאר און פירסט זיך ווי דו ווייסט פון גארנישט און יעצט וועלן זיי דארפן זיצן אפגעזונדערט?! פארוואס זאלסטו נישט געדענקען דעם פסוק אין פרשת אמור און זיין אנשטענדיג און זאגן, "דא, איר קענט זיך זעצן." זיי וועלן אפשר זאגן א ש'כח און אפשר וועלן זיי נישט. אבער כאטש האסטו פארשפרייט דעם באשעפער'ס נאמען.

און ווען דו גייסט אראפ פון באס און עס איז דא איינער וואס גייט אראפ הינטער דיר, איז ווען דו האלטסט אפן די טיר, אנשטאט עס צו אנהאלטן מיט דיין רוקן אויסגעדרייט צו יענעם מענטש, דריי אויס דיין פנים קעגן יענעם און האלט אפן די טיר. דאס איז אן אויסגערעכנטער טאט וואס וועט גערעכנט ווערן אויף דיין חשבון אלס א קידוש ה׳. און אויב איז דא א גוי וואס גייט אראפ פאר דיר און ער האלט אפן די טיר פאר דיר, דארפסטו זאגן ש'כח אויב טראגסטו א יארמולקע אויפ'ן קאפ. אודאי דארפסטו סייווי זאגן ש'כח, אבער אויב ווערסטו דערקענט אלס ארטאדאקס, איז עס שוין אינגאנצן אן אנדערע מעשה - דאס איז א טייל פון דיין אויפגאבע צו מאכן א קידוש ה׳.

## גויאישע צדקה

ווען דו ווארטסט אויף די שורה אין פאסט אפיס, און א גויאישע פרוי גייט פארביי. און זי האקט מיט איר פושקע פאר וועטעראנען אדער פאר יענע מחלה אדער אן אנדערע גויאישע צוועק, איז גוט אלץ צו האבן א קוואדער אין גרייט.ווארף אריין א קוואדער און זי וועט דיך געבן א גרויסע טענ"ק יו"א. און דו האסט געטון וואס עס פארלאנגט זיך פון דיך ווייל דורך דעם ווערט דער באשעפערס נאמען געהייליגט און די וועלט.

אמאל זיצטו אויף די סאבוועי"י און א פעלשער קומט אריין מיט א קאנע און ער האקט אויף די ערד מיט זיין שטעקן, ארויבליקענדיג פון זיינע טונקעלע גלעזער זוכנדיג פאר קונים-

ער וויל זען ווער עס וועט געבן די ערשטע נדבה סאקר דעם 'בלינדע' מאן. קיינער רירט זיך נישט, איז וואס טוסטו? דו מורמלסט צו זיך, "הנני מוכן ומזמן צו מקיים זיין די מצוה פון מאכן דעם אויבערשטענס נאמען גרויס" און דו שלעפסט ארויס א מטבע פון טאש. עס קען זיין די קלענסטע מטבע, א פעני- קיינער וועט נישט זען וואס דו האסט דארט- און ווארף עס אריין אין די קאנע מיט די שטערקסטע זעץ וואס דו קענסט. און דערנאך ליין זיך צוריק און שפיר די שעצונג פון די גאנצע באן. געדענק נאר איין זאך אז דו האסט עס געטון פאר השם.

## לעבן פאר אים

"אה," זאגט דער באשעפער, "דער איז מיין קנעכט - דאס איז דער מענטש וועמען איך האב ליב." דער רמב"ם זאגט אונז דאס: **עליו הכתוב אומר**, איבער דעם מענטש זאגט דער פסוק, "**ויאמר לי**, דער באשעפער האט געזאגט צו מיר, '**עבדי אתה**, דו ביסט מיין קנעכט;'" דאס מיינט, מיט דעם אופן ווי אזוי דו טוסט מיר דינען - נישט ווי אזוי צו שטארבן נאר דורך ווי אזוי דו לעבסט; אויפ'ן באס, אויפ'ן גאס, אין געשעפט, **הרי זה קידש את ה'** - ברענגסטו כבוד צו מיין נאמען.

ווייל צו מאכן א קידוש ה' פאדערט נישט נאר צו אויפגעבן דאס לעבן, צו ווערן אויפגעהאנגען אויף די תלי' און זיך לאזן הרג'נען פאר'ן כבוד פון באשעפער'ס נאמען - עס פאדערט אויך אז מיר זאלן פירן אונזערע לעבנס אין דעם אופן וואס ברענגט כבוד צום נאמען פון באשעפער. אנשטאט זיך צו לאזן הרג'נען אויף קידוש ה', לעבט דער מענטש אויף קידוש ה'. און איבער אים זאגט דער באשעפער, "**עבדי אתה, ישראל, אשר בך אתפאר** - דורך דיר, ישראל, ווער איך באשיינט; און ווייל דו לעבסט מיט די כוונה צו ברענגען כבוד פאר מיר, דערפאר רוף איך דיר, 'מיין קנעכט'."

# חלק ב. מאכן דיין נאמען גרויס

## קרוינען דערגרייכונגען

אין פרקי אבות (ד:יז) איז דא א משנה ווי פאלגענד: **שלשה כתרים הם** - עס זענען דא דריי קרוינען וואס א מענטש קען אנהאבן וואס וועט אים ברענגען כבוד. צו וואס דינט א קרוין? דיר צו מאכן העכער - דו לייגסט עס אויף דיין קאפ און עס מאכט דיר העכער ווי יעדן; עס טוט דיר אפטיילן פון אנדערע.

וואס זענען די דריי סארטן קרוינען?

נומער איינס איז **כתר כהונה**, דער קרוין פון כהונה. אויב דיין נאמען איז כהן, קאפלאן, קאהאן, כהנא אדער אן אנדערער נאמען וואס באצייכנט א פאמיליע אלס כהנים, זיי שטאלץ דערמיט. זאג נישט, "איך קען נישט זיין שטאלץ, איך האב גארנישט געטון עס צו פארדינען - איך בין אזוי געבוירן געווארן." זיי נישט מיט דעם אן עניו! זיי שטאלץ אז דער באשעפער האט געלייגט זיין קרוין אויף דיין קאפ. רעד נישט איבער דעמאקראטיע אדער נאציאנאליזם -

פארגעס פון דעם. דער באשעפער האט געערדט און זיין ווארט קען נישט צוריקגעצויגן ווערן פון יעצט ביז אייביג - ער האט ארויפגעלייגט דעם כתר כהונה אויפ'ן קאפ פון אהרן הכהן און זיינע דורות אויף אייביג און אייביג.

דער צווייטער קרוין, זאגט די משנה, ווערט גערופן **כתר מלכות**, דער קרוין פון קעניגרייך. נאר דאס הויז פון דוד האט באקומען דעם זכות, קיינער אנדערש. עס איז געגעבן געווארן אויף אייביג צו דוד און זיין פאמיליע און אזוי ווייטער. נישט קיין חילוק ווי גוט דו וועסט זיין, נישט קיין חילוק וויפיל וואלן דו וועסט באקומען, קיין זאך וועט נישט העלפן - דער כתר מלכות איז נישט פאר יעדן.

## דער קרוין פאר אלעמען

אבער עס איז דא נאך א קרוין אין די ליסטע וואס די גמרא זאגט אז עס איז **מונח**, ס'ליגט פאר יעדן צו קונה זיין. דאס איז דער **כתר תורה**, דער קרוין פון תורה. דאס איז דער קרוין וואס יעדער קען באקומען. יעדער! דו דארפסט פשוט זיך נעמען צו די עבודה פון לערנען כאטש איין שורה אין גמרא און עס איבער'חזר'ן. איין שורה א טאג! אינגיכן וועסטו קענען צען שורות און דערנאך צוואנציג שורות און דאן א גאנצער בלאט. א גאנצער דף! דאס איז שוין א קרוין אויף דיין קאפ! אודאי זענען דא פיל סארטן תורה קרוינען. עס זענען דא גרויסע קרוינען און עס זענען דא קליינע קרוינען, אבער א קליינער קרוין איז אויך עפעס.

זיכער דארפסטו שטרעבן צו קונה זיין דעם כתר תורה - אויב ביסטו נישט אינטערעסירט דערין, ווערסטו עס נישט באקומען. אבער אויב דו הייבסט אן און דו גייסט ווייטער, איז נישטא קיין ספק אז דו ווערסט קונה זיין א קרוין פון תורה; דאס איז פארזיכערט.

און אזוי, דאס זענען דריי געוואלדיגע קרוינען פון וואס די פרקי אבות דערציילט אונז - דער קרוין פון כהונה, דער קרוין פון קעניגרייך און דער קרוין פון תורה. און אויב איר שטעלט זיי זייט ביי זייט, וועט איר זען ווי חשוב זיי זענען - זיי שטייען ארויס אלס דריי געוואלדיגע אייגנטארטיגקייטן און עס זעט נישט אויס ווי עפעס קען זיך פארמעסטן מיט אזעלכע קרוינען.

## דער קרוין פון א גוטער נאמען

אבער אט קומט די משנה און זאגט א גרויסן חידוש. רבי שמעון זאגט, עס איז דא א קרוין וואס איז גרעסער פון די אלע, און דאס איז דער קרוין פון א שם טוב: **וכתר שם טוב עולה על גביהן** - דער קרוין פון א גוטער נאמען שטייגט איבער זיי אלע.

און דאס איז אונזער נושא פון היינטיגן שיעור, דער כתר שם טוב. אבער צוערשט א שטיקל דקדוק, א שפראך קלארקייט: דאס ווארט 'שם' איז ענליך צו דאס ווארט **'שמוע'**, צו הערן. א 'שם' איז וואס דו הערסט איבער א מענטש - א נאמען מיינט, וואס מענטשן זאגן איבער דיר; דער איינדרוק וואס דו לאזט אויף אנדערע. דערפון פארשטייען מיר אז ווען עס שטייט אז דער קרוין פון א גוטער נאמען איז גרעסער ווי סיי וואס, מיינט עס אז דו דארפסט זיך אנשטרענגען דערצו אז מענטשן זאלן זאגן גוטע זאכן איבער דיר. און אויב טוסטו דאס, דאן האסטו דערגרייכט צו א הצלחה וואס איז **עולה על גביהן**, וואס איז גרעסער פון אלע הצלחות -

גרעסער ווי דער כתר כהונה, גרעסער ווי דער כתר מלכות און אפילו גרעסער ווי דער כתר תורה. קונה זיין א גוטער נאמען איז דער קרוין איבער אלע קרוינען.

## וואס ליגט אין א נאמען?!

אלזא, ערוועקט זיך א גרויסע קשיא, ווייל אייגנטליך איז עס נישט לאגיש. נאך אלעם, ווי אזוי דערגרייכט מען א קרוין פון א שם טוב? דורך גוטע מידות און גוטע מעשים; דורך זיך פירן אנשטענדיג און מענטשליך און זיך באציען מיט כבוד צו יעדן. אויב אזוי, פארוואס זאלן מיר עס נישט ענדערש רופן דער "קרוין פון גוטע מידות" אדער דער "קרוין פון מעשים טובים", אדער עפעס אזוי. נאך אלעם, דאס איז דאך וואס עס איז. דער "גוטער נאמען" איז בלויז וואס ווערט געשאפן דורך א מענטש'ס אויפפירונג איז לאמיר גיין צום שורש און זאגן א "קרוין פון מידות טובות". דאס איז סייווי וואס עס רעכנט זיך.

מוזן מיר זאגן אז דער ענטפער איז, אז עס רעדט נישט דא פון גוטע מידות! ס'איז דוקא א 'גוטער נאמען' פון וואס מיר רעדן! אודאי איז עס זייער א וויכטיגע זאך צו האבן גוטע מידות און ס'איז ווערד אויסניצן דאס לעבן אויף עבודת המידות. עס זענען דא ערטער וואו מענטשן טוען דאס פאקטיש. אין די נאוואהארדיקער ישיבה האט יעדער געארבעט אויף זייערע מידות. יעדן טאג האט מען אפגעגעבן א געוויסע מאס צייט אויף דעם, וואס זיי האבן גערופן דער 'בוזשאר'; דאס מיינט דער סטאק מארקעט, נאר זיי האבן גענומען אינווענטאריע פון עפעס וויכטיגערס. זיי פלעגן זיך צוזאמקומען און רעדן איינער צום צווייטן און זיך קריטיקירן איינער דעם צווייטן; זיי פלעגן פארשלאגן עצות ווי אזוי זיך צו פארבעסערן. זיי זענען זיך צוזאמגעקומען אין כוללים, צומאל אין גרופעס און זיך דורכגעשמועסט זייערע פראבלעמען; ווי אזוי צו קאנטראלירן כעס, ווי אזוי צו אפהיטן זייער צונג, ווי אזוי זיך צו לערנען צו זיין מער געדולדיג און א בעל חסד. דער 'בוזשאר' - דאס איז א מעקווירדיגער זאך וואס כלל ישראל האט אמאל פארמאגט.

אלזא, דאס איז זיכער א געוואלדיגע זאך - גוטע מידות איז א ריזיגער קרוין. אבער נישט דאס איז פון וואס די משנה רעדט. מיר רעדן איבער שאפן א גוטער נאמען פאר זיך, ברענגען דערצו אז מענטשן זאלן טראכטן גוט איבער דיר, דאס אלעס. דאס איז דער קרוין וואס שטייגט איבער אלעם. עס זאגט נישט אז כדי צו ערגרייכן דעם קרוין דארפסטו זיין גוט. עס זאגט נישט אז דאס איז דער כתר פון זיין א צדיק, דער כתר פון זיין אן ערליכער מענטש; נאר א קרוין פון וואס מענטשן טראכטן אז דו ביסט גוט. דאס איז וואס איז וויכטיג, ווייל דאס איז ווי אזוי דו וועסט מאכן כבוד פאר'ן באשעפער. וואס דו ביסט באמת, נישט דאס איז די כוונה דא - דיין צייכן פון הצלחה ווען עס קומט צו די מצוה פון קידוש ה' איז וואס מענטשן וועלן טראכטן איבער דיר.

## זיי נישט נאטורליך

איר קענט נישט זאגן, "עס גייט מיר נישט אן וואס מענטשן טראכטן; איך זוך בלויז צו געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער." אה ניין! דער באשעפער זאגט אז אויב עס גייט דיר נישט אן פון מענטשן גייט מיר אויך נישט אן פון דיר. **כל שרוח הבריות נוחה הימנו**, אויב

מענטשן זענען צופרידן פון דיר, **רוח המקום נוחה הימנו**, דאן איז דער באשעפער צופרידן פון דיר (אבות ג:י). איר הערט דאס? א מורא'דיגער אויסדריק. דער באשעפער וויל פאקטיש אז דו זאלסט זיך אנשטרענגען אז מענטשן זאלן דיר ליב האבן - און אפילו אויב דו ביסט נישט אזוי באליבט; דאס ווייסט דער באשעפער אבער ער וויל דאך אז מענטשן זאלן דיר ליב האבן.

דערפאר איז דיין אויפגאבע צו זיין א כיטרער מענטש, און נישט נאכגיין דיין נאטור. איר דארפט זיך מאכן. איר הערט דאס ווארט? געמאכט. נישט זיין נאטורליך. נאטורליך מיינט, איר שטעלט זיך אויף די הענט און פיס און עסט פון א טעלער אויף די ערד — פארוואס זיך אנשטרענגען צו זיצן ביי א טיש? און איר דארפט נישט קיין לעפל. איר וועט שטעלן אייער פנים אין טעלער און עס אויסלעקן. דאס איז נאטורליך.

נאטורליך מיינט, איר זיצט אין די עפנטליכקייט און איר לייגט אייערע פינגערס אין די אויערן און נאז און נעמט עס ארויס און באקוקט די רעזולטאטן פון אייער גראב ארבעט. איך האב איבערגעגעבן א שיעור אין א כולל און געזען א אינגערמאן דאס טון, האב איך באשלאסן אז צו זיין נאטורליך איז נישט דער וועג זיך צו פירן.

## פארנאר יעדן

א מענטש דארף צו זיין אומנאטורליך כדי צו קענען לעבן אויף קידוש ה'. נישט קיין חילוק וואס ער פילט אויף זיך אינערלעך, וועט ער פארזעצן צו אנהאלטן זיינע ווירדן, זיין דרך ארץ, וואס ברענגט מענטשן זאלן טראכטן גוטס אויף אים. ער ווייסט אז ער איז שטענדיג אויף די ארענע און אז ער מאכט א פארבילד פון באשעפער.

איך פארשטיי אז עס זענען דא פעלשעווערס וואס פראפאגאנדירן טעאריעס איבער נאטורליכע אויפפירונג. עס איז געווען א מענטש מיט'ן נאמען 'ראוזיע' - איך האב א פערזענליכער פאראיבל קעגן אים ווייל ער איז געווען אן אנטיסעמיט אבער מערסטנס מענטשן ווייסן דאס נישט און דערפאר ווערן זיי איבערגענומען. זיי ווערן פארקויפט פון זיין טעאריע פון נאטוראליזם. למעשה, עס קען זיין אז געוויסע פונקטן פון זיינע לערנונגען האבן א פראקטישן ווערד - אין יעצטיגן מינוט בין איך נישט גרייט דאס צו זאגן, אבער דאך קען עס זיין - אבער דער אלגעמיינער צוגאנג וואס מענטשן האבן צוזאמגענומען פון זיינע ווערטער זענען אז דער קריטעריאן פון פאסיגע אויפפירונג איז צו זיין וואס מער נאטורליך.

אבער דער פשוט'ער אמת איז, אז ס'איז א גרויסער ליגנט! ס'איז שקר וכזב! מיר זענען נישט געבוירן געווארן אויף די וועלט צו לעבן א נאטורליכע לעבן. מיר זענען דא צו לעבן אן אומנאטורליכע לעבן. די תורה וויל דו זאלסט יעדן אפנארן צו טראכטן אז דו ביסט בעסער ווי דו ביסט און דערפאר, נישט קיין חילוק וואס דו ביסט באמת, דארפסטו אנשטעלן א שפיל און זיך מאכן ווי דו ביסט גאר א גוטער מענטש.

## שטרעב אויף לויב

אלזא, מיר דארפן גוט צולייגן קאפ צו די ווערטער פון רמב"ם ווייל דער רמב"ם'ס שפראך איז אויסגערעכנט. דער רמב"ם זאגט דארט אז א מענטש זאל פארזעצן צו גיין אין די גוטע וועגן **עד שימצא הכל מקלסין אותו** - ביז עס קומט אויס אז יעדער לויבט אים. איר הערט דעם

חידוש? אויב איר וועט לערנען די ווערטער פארזיכטיג, וועט איר פארשטיין אז עס באדייט אז איר מוזט זיך אויפפירן אין אזא וועג וואס וועט ברענגען אז מענטשן זאלן דיר לויבן. דאס איז דיין ציל דא - אז מענטשן זאלן רעדן גוטס איבער דיר אפילו אויב דו ווייסט אז עס קומט דיר נישט די לויב. די מצוה פון קידוש ה' מיינט אז דו ארבעטסט שווער צו מאכן מענטשן טראכטן גוטס אויף דיר, אז דו לעבסט אויף אזא וועג אז דו ביסט קונה דעם קרוין פון א גוטן נאמען.

און איר דארפט וויסן אז דאס איז נישט קיין קליינע דערגרייכונג. ס'איז א קרוין פון כבוד אויף דיין קאפ; און נישט סתם א קרוין - דא שטייסטו נעבן די כהנים מיט זייערע קרוינען און נעבן דעם בית דוד וועלכע טראגן זייערע קרוינען און נעבן די גדולי התורה מיט זייערע קרוינען און דיין קרוין איז העכער! דאס מיינט נאכנישט אז דו ביסט א גרויסער גדול בתורה. ניין, עס שטייט נישט דאס. פונקט ווי דו ביסט נישט קיין כהן און דו ביסט נישט קיין מלך, ביסטו אויך נישט קיין גדול בתורה. און דאך טוט דער קרוין פון א גוטן נאמען שטייגן העכער פון די אלע קרוינען אינאיינעם. דיין קרוין, דער קרוין פון א גוטן נאמען, איז עולה על גביהן, ווייל דו לעבסט אין א פארבילד וואס ברענגט כבוד צום באשעפער.

## דער גרויסער תנאי

דאס אלעס פאדערט איין תנאי. דאס אלעס וואס מיר רעדן דא דארף אלעמאל געטון ווערן אונטער איין תנאי: דו טוסט עס ווייל דאס איז דער רצון ה'. אנדערש, וועסטו פשוט זיין ווי איינע פון די סטודענטן פון 'דעיל קארנעגיע'. ער האט געשריבן א בוך מיט'ן נאמען 'ווי אזוי צו געווינען פריינט און באאיינפלוסן מענטשן'. ער איז א גוי און ס'איז גארנישט פארהאן אין דעם בוך אויסער גשמיות. ס'איז דא גוטע עצות, אבער ס'איז גארנישט אויסער גשמיות. איז אויב איר טוט עס בלויז צוליב דעם, איז דיין רבי דעיל קארנעגיע - א שאד אויף דיין ארבעט, א שאד אויף דיין לעבן.

איז דארפט איר צולייגן בלויז איין תנאי און דאן ווערט די עבודה אן עבודת ה'. 'איך טו דאס מיט'ן ציל צו שאפן א גוטן נאמען פאר'ן באשעפער.' אפילו אויב, דו ווייסט אז דו ביסט נישט גוט! אבער דו פראבירסט זיך צו צייגן אלס גאר גוט ווייל דער באשעפער וויל דו זאלסט עס טון פאר זיין נאמען וועגן. דו ווייסט אז דו ביסט א גארנישט, אבער ווי ווייט עס איז נוגע צו די וועלט ביסטו א פרומער איד און מענטשן וועלן לויבן די תורה אויב דו מאכסט א שם טוב, און דורכדעם וועסטו קונה זיין זייער א גרויסער קרוין פאר דיר אליין.

# חלק ג. ווערן גרויס

## איין פרוטה אויפאמאל

אלזא, אזא קרוין איז זייער א ווערדפולער אייגנטום - ס'איז אמת'ע רייכקייט. און אזוי ווי ביי עשירות, נעמט אויך צייט צו אויפבויען די באנק קאנטע פון א 'שם טוב'. איר ווייסט, מען הייבט נישט אן צו ווערן א מיליאנער איבערנאכט. ערשט הייבט מען אן פארדינען אפאר

דאללער דא און אפאר דאללער דארט און צוביסלעך זאמלט מען זיך אן א פארמעגן. שטאנדהאפטיגע עשירות הייבט זיך אן מיט קליינע שריט, מיט ארבעט.

איר קענט טראכטן אז א שם טוב הייסט ווען יעדער, לאמיר זאגן אלע מענטשן אין קראון הייטס, לויבן דיר; אדער אפשר יעדער אין גרויסן סאטמארער בית המדרש אין וויליאמסבורג לויבט דיר; גאנץ לעיקוואוד ישיבה לויבט דיר; גאנץ מאה שערים לויבט דיר אויך - אפשר איז דאס דער כתר שם טוב פון וואס מיר רעדן. ניין, ניין, עס מיינט נישט דאס - אפילו קיינער לויבט דיר נישט אויסער אפאר מענטשן אין דיין געגנט איז דאס שוין אויך א שם טוב; דאס איז שוין א קרוין פון כבוד וואס דו קענסט טראגן מיט שטאלץ. ווען דו ביסט קונה א גוטן נאמען מיט איין מענטש - דאס איז שוין אפאר דאללער. נאך א מענטש, דאס איז נאך אפאר דאללער. אזוי הייבסטו אן אויפבויען דיין עשירות.

דאס האב איך געלערנט פון א גרויסן מענטש. ער האט מיר געזאגט, "קלאפ גוט איין מיט איין מענטש אין דיין לעבן," האט ער געזאגט, "גיי אינגאנצן ארויס פון וועג צו געווינען צו זיך דעם מענטש; נאך וואס דו וועסט מצליח זיין מיט אים, וועט עס אנהייבן צו איבערפליסן. איינמאל דו קויפסט זיך איין א שם טוב מיט אים, וועט עס איבערפליסן אויך צו אנדערע."

## נייע מענטשן, נייע געלעגנהייטן

די בעסטע געלעגנהייט אויף דעם איז ווען א מענטש האלט ביים אריינטרעטן אין א נייער שטאפל. איך האב דאס איינמאל געטון. פיל יארן צוריק ווען איך בין געווען אין סלאבאדקע בין איך אוועקגעפארן פאר איין וואך צום ים - אין יענע צייטן איז דער ים בארטן געווען כשר - איך בין געווען דארט מיט א משפחה. אין יענע תקופה האב איך געארבעט אויף מוסר. אה! די אלטע גוטע צייטן אין סלאבאדקע! און דאן האב איך באשלאסן זיך גוט איינצוקויפן ביי די משפחה מיט וועמען איך בין דארט געווען. איך בין יעדן טאג געגאנגען אויף א שפאציר און אויפגעקומען מיט געדאנקען ווי אזוי זיך גוט איינצוקויפן ביי זיי. און עס האט געארבעט - איך האב זיי אפגענארט.

איז לאמיר זאגן דו גייסט יעצט חתונה האבן - דאן איז די וויכטיגסטע צייט צו טראכטן ערנסט פון דעם. ס'איז א געוואלדיגע געלעגנהייט און עס טאר נישט פארפאטשקעט ווערן. אין די היים וואו דו ביסט אויפגעוואקסן, איז עס נישט אזוי לייכט - דארט האט מען דיר געקענט ווען דו ביסט געווען צוויי יאר אלט און ווען דו ביסט געווען דריי יאר אלט, האסטו שוין א חזקה אז דו ביסט נישט גוט איז אפשר ביסטו אנטמוטיגט זיך צו טוישן. פונדעסטוועגן, אפילו אינדערהיים לוינט זיך צו פראבירן. ס'איז א גוטער געדאנק צו פראבירן זיך גוט איינצוקויפן ביי דיינע עלטערן. עס קען זיין אז יעצט איז שוין אביסל שפעט, אבער ס'איז נאך אלץ מעגליך יעדן טאג אנצוהייבן פונדאסניי. זיי וועלן אין אנהייב ווערן איבערראשט אבער עס וועט זיי געפעלן. קויף זיך איין ביי דיין טאטע און דיין מאמע. דו קענסט זיך גוט איינקויפן אויך ביי דיין עלטערער ברודער. מיט א ברודער קען מען זיך גוט איינקויפן. פראביר עס - הייב אן א קאמפיין אין הויז צו איינקויפן א גוטן נאמען, צו מאכן מענטשן זאלן דיר ליב האבן.

אבער ווען דו טרעטסט אריין אין א נייע לעבן, דאן איז עס א ספעציעלע געלעגנהייט. דיין

כלה קען דיר נאך אינגאנצן נישט און אויך דיין כלה'ס עלטערן קענען דיך נישט, דו באקומסט א גאנצע נייע משפחה. מעגליך ציסטו זיך אויך אריבער צו א נייע געגנט. דא איז דיין געלעגנבייט צו אריבער מישן א נייע בלעטל און צו אויסנארן יעדן.

אויב ביסטו די כלה, מוזטו עס מאכן פאר דיין געשעפט צו באקומען א גוטע נאמען מיט דיין חתן. עס איז העכסט וויכטיג ער זאל קיינמאל נישט אויסגעפונען ווער דו ביסט עכט. דיין גאנצע לעבן זאלסטו אנשטעלן א פנים פון אנגענעמקייט און קאאפעראציע - דיין גאנצע לעבן! קלוגע פרויען טוען אזוי- קלוגע פרויען שאפן דעם איינדרוק אז זיי זענען נישט נאטירלעך, אז זיי זענען זיס און באטעם'ט און שיין און פיין.

## גרינגערע געלעגנהייטן

צומאל איז דאס צו שווער וויבאלד עס איז צו א לאנגע נסיון, אמאל איז ער א דורכפאל מיט זיין כלה. זי געפינט אויס ווער ער איז. און אמאל פאלט ער דורך מיט זיין שווער און שוויגער. עס מאכט זיך אמאל. איז וועל אויס איינער פון דיינע ווייב'ס קרובים און פראביר צו ווערן גוט מיט אים. איך מיין עס ערנסט. א קאזין באזוכט פון דענעווער אדער פון שיקאגא? מאך אפ ביי דיר אז מיט דעם קאזין גייסטו גוט ווערן.

דו וועסט אים קוים זען איז גרינג אים צו געפעלן. קלעב אן א שמייכל אויף דיין פנים און גיי צו צו אים "היי דזעיק, עס איז גוט דיך צו זען - איך האב דיך נישט געזען פאר אזוי לאנג! זעעסט אויס פיין דזעיק". ער וועט הנאה האבן דערפון, און יעצט טראכט כאטש איינער גוט פון דיר, דאס מיינט אז דו האסט שוין עפעס געלט אין דיין שם טוב באנק קאנטע.

יעצט קענסטו בויען אויף דעם - דו קענסט ממשיך זיין צו מאכן דיפאזיטס. לאמיר זאגן דו גייסט נעקסטע וואך ל"ג בעומר צו א חתונה און ביי די חתונה וועסטו טרעפן נייע מענטשן דו קענסט נישט ווערן גוט מיט יעדן איז בעפאר דו וואקסט אריין אין זאל זאג, "איך גיי אויסוועלן איין מענטש היינט נאכט און אים באיינפלוסן צו טראכטען אז איך בין א פיינער מאן" און ארבעט אויף דעם. יעצט געב נישט אויס צופיל צייט פאר דעם זיי נישט קיין נודניק. רעד נישט צופיל. זאג אפאר שיינע ווערטער און דערנאך גיי אוועק פון אים. לאז אים געמאכט. דו האסט געוואונען נאך אן אנהענגער, נאך איינער וואס שעצט דיך. דאס וויל דער אויבערשטער דו זאלסט טון.

## נאר איינעם

דו קענסט אפילו אנהייבן מיט א קינד. לאמיר זאגן דיין וויב האט א קאזין און דו גייסט צו זיין בר מצוה, רעד שיין פון אים, זיי אים מחזק, שאקל זיין האנט הארציג ווייז אים אז דו ביסט אינטערעסירט אין אים. וועסטו זאגן "א קליינע יונגעל?! עס איז וויכטיג אז א קליינע יונגעל זאל טראכטען גוט פון מיר?!" אויסדריקלעך. גיי צו צו די יונגעל אין דרוק זיין האנט ווארעם און געב אים א ברכה ער זאל אויסוואקסען א גדול בישראל. ער ווארט פאר די טשעק אבער די ווערטער זענען אויך וויכטיג. א שיינע שמייכל, חיזוק ווערטער - דו מוזט וויסן אז דו האסט געטון עפעס ווערדפול. די יונגעל וועט זיין גאנץ לעבן טראכטען גוט פון דיר דאס איז שוין א שם טוב.

אויב ארבעטסטו אין אן אפיס, טו עס נישט אינגאנצן אויף איינמאל. ערשט זאג צו זיך, 'איך גיי אריינכאפן דעם איינעם פערזאן צו מאכן א גוטן רושם אויף אים.' פון די פרויען פארגעס - ווי וויניגער דו נעמסט אויס ביי זיי שטייסטו בעסער. אבער דער איינער פערזאן - א איד אדער להבדיל א גוי, מאכט נישט אויס - הייב אן ארבעטן אויף אים. געב אבער אכטונג נישט צו זיין צו שטארק נערווירנד. זיי נישט ווי א פודעל הינט. דו וועסט גיסן שפייעכץ אויף אים און לעקן זיינע פיס? ניין. אבער פיר זיך פריינטליך און געב אים צו איינזען אז דו ביסט א פיינער מענטש. 'ער איז א פיינער איד, דער מענטש דארט,' זאל ער טראכטן. און דאן, איינמאל דו האסט אים געוואונען, איז עס גרינגער צו גיין ווייטער - איינמאל דו האסט געמאכט א גוטן איינדרוק, פאדערט שוין נישט אזויפיל הארעוואניע צו שמירן די רעדער זיך איינצוקויפן א שם טוב מיט אנדערע, אצינד קענסטו פראבירן מיט נאך איינעם; און אזוי גיי פון איינעם צום צווייטן. דאס איז דיין הצלחה אין לעבן.

## לייג צו נאך פיל מענטשן

אינדרויסן אין גאס קענסטו זיך אודאי אויך גוט איינקויפן מיט יעדן - אויך מענטשן וואס דו וועסט זען נאר אמאל אין א יובל, צומאל אפילו איינמאל אין לעבן - דאס איז דיין געלעגנהייט צו איינקויפן פאר'ן באשעפער. אויב קויפסטו זיך גוט איין היינט מיט צוויי מענטשן אדער דריי מענטשן, נאך בעסער. נאך א שטיק צייט וועסטו האבן פיל אנהענגער. דו האסט א טריבונע פון אנהענגער וואס קלאפן פאר דיר, און אויב זיי קלאפן פאר דיר דאן וועט דער באשעפער קלאפן פאר דיר נאכמער.

אודאי וועסטו זיך מאכן א פראיעקט צו פארברייטערן דעם האריזאנט ווייל דער גרויס פון דיין קרוין ווענדט זיך אין וויפיל מענטשן טראכטן גוט אויף דיר. לאמיר זאגן, אויב דו קענסט צוברענגען אז זייער, זייער פיל מענטשן זאלן טראכטן גוט אויף דיר דאן האסטו א גרעסערער גאלדענער קרוין אויף דיין קאפ און ס'איז העכער ווי אלע אנדערע קרוינען. ווי מער מענטשן דו האסט אריינגעכאפט דורך דיין פערזענליכקייט, אלץ רייכער ביסטו - דו האסט שוין אויפגעבויעט זייער א גרויסע באנק קאנטע.

## דער פארהוילענע באנק קאנטע

איך וויל אייך אבער זאגן א סוד; ס'איז פארהאן דא א געהיימעניס, ווייל דער פארדינסט פון אנטוויקלען א גוטן נאמען איז אייגנטליך צוויי-פאכיג. בשעת דו בויעסט זיך אויף דעם פארמעגן פון א גוטן נאמען, בויעסטו אויך א צווייטע קאנטע וואס איז פונקט אזוי וויכטיג.

דער מסילת ישרים זאגט אונז א וויכטיגער יסוד; **החיצוניות מעוררת את הפנימיות** - דער דרויסן ערוועקט די אינעווייניג. דער צווייטער דערגרייכונג פון זיך מאכן ווי דו ביסט גוט, איז דער געוואלדיגער יסוד וואס איך האב שוין דערמאנט פיל מאל, אז דער דרויסן ערוועקט די אינעווייניג. דורך טון זאכן אין א געוויסן אופן ווערסטו מיט די צייט פאקטיש דאס וואס דו טוסט. דערפאר איז גוט צו זיין א רב. איך מיין עס אמת'דיג. ס'איז גוט צו זיין א רב ווייל א רב דארף א גאנצע צייט זיך גוט אהערשטעלן און אויב פירסטו זיך אין א געוויסן אופן, דאן פריער אדער שפעטער ווערסטו אזוי פון אינעווייניג.

און דערפאר, דער מענטש וואס פארנארט אנדערע טוט באמת זיך אליין פארנארן. פיר זיך ווי גלייך דו ביסט גוט און צוביסליך וועסטו ווערן וואס דו מאכסט זיך אז דו ביסט. און אזוי, דער כתר שם טוב פארבלייבט נישט בלויז א קרוין אויף דיין קאפ, פון אינדרויסן. עס טוט פאקטיש משפיע זיין א טויש אין דיין קאפ - דו ווערסט א בעסערער מענטש.

## פאלשע חסידים

איך דערמאן שטענדיג וואס דער אלטער ליובאוויטשער רבי האט אמאל געזאגט. מען איז געקומען צום ליובאוויטשער רבי, איך מיין עס איז געווען דער פריערדיגער, רבי יוסף יצחק ז"ל, און זיי האבן אים געזאגט, "אייערע תלמידים פארנארן די וועלט. זיי מאכן זיך ווי זיי זענען פרומע אידן. זיי פירן זיך זייער פרום אבער פאקטיש זענען זיי נישט אזוי פרום!"

איז וואס האט דער רבי געזאגט? ער האט געזאגט, זאלן זיי ווייטער פארנארן די וועלט ביז זיי וועלן זיך אליין פארנארן. ער האט איבערגעזאגט וואס די גמרא ברענגט (כתובות סח:א), אז אויב איינער פארנארט דעם ציבור כדי צו באקומען צדקה, **המצבה את בטנו**, ער פירט זיך ווי גלייך ער האט א געשוואלענער בויך, **והמקפה את שוקו**, אדער ער פירט זיך ווי גלייך זיינע פיס זענען אפגעהאקט, ער בייגט ארויף זיין קני, **אינו נפטר מן העולם עד שיבא לידי כך**, וועט ער נישט גיין פון די וועלט ביז עס וועט טאקע אזוי זיין. אויב דו מאכסט זיך, דאן וועט דאס טאקע פאסירן. "דאס איז וואס עס גייט אויך פאסירן מיט מיינע חסידים - זיי וועלן זיך מאכן און מאכן און מאכן, און בלויז דערפאר וועלן זיי ווערן בעסער און בעסער; ווי פרומער זיי פירן זיך, אלץ פרומער וועלן זיי ווערן.

## אן ערפאלגרייכער פאך

דאס איז דער סוד דא. האלט אין איין פארנארן אנדערע און מאכן א קידוש ה', ביז דו וועסט זיך אליין פארנארן און טאקע אזוי ווערן. דאס איז אויך א כבוד פאר'ן נאמען פון באשעפער - ווען דו ווערסט אן עבד ה' אויך פון אינעווייניג.

אלזא, כאטש מיר האבן אנגעהויבן מיט זאגן ווי גרויס איז די השפעה פון די דערגרייכונג פון קונה זיין א שם טוב אז די וועלט זאל טראכטן גוט איבער דיר, פונדעסטוועגן זאלסטו וויסן אז ס'איז **לא ישוב ריקם**, עס גייט נישט אן צו האבן א השפעה אויף אויף דיין כאראקטער.

און אזוי, דער איד וואס וויל פארברענגען זיינע טעג צו לעבן א לעבן פון קידוש ה' איז שטענדיג אויף דער וואך - וואו אימער ער גייט, סיי וואס ער טוט, טראכט ער אלעמאל פון ברענגען כבוד צום נאמען פון באשעפער דורך זיינע פארבינדונגען מיט די וועלט ארום אים. ער ווערט א פארבילד פון די גרויסקייט פון באשעפער צו די וועלט - זיין יעדן טריט אויף די וועלט ווערט עבודת ה'. און בשעת ער טוט דאס, טוישט ער זיך אליין אויך - נישט נאר וואס ער ברענגט כבוד פאר'ן באשעפער, נאר ער איז קונה כבוד אויף פאר זיך. און אזוי, דורך זיין אויפפירונג וועט ער זיך טינקען אין די כבוד פון די וועלט, און דערנאך, ווייל ער האט זיך אליין אויך געטוישט, איז ווען די צייט וועט קומען וועט ער זיך טינקען אין די כבוד פון עולם הבא אויף אייביג און אייביג.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**וואס מיינט דאס אז די תלמידים פון רבי עקיבא זענען נישט געווען נוהג כבוד זה לזה, אז זיי האבן נישט ארויסגעוויזן קיין שעצונג איינער צום צווייטן?**

**תשובה:**

מיר דארפן פארשטיין אז אונזער באגריף פון כבוד און די גמרא'ס באגריף פון כבוד זענען כרחוק מזרח ממערב, א חילוק צווישן די צוויי ווי די ווייטקייט פון מזרח צו מעריב. ווי אזוי מיר זענען נוהג כבוד זה לזה אין די אנשטענדיגסטע געזעלשאפט היינט, שטייט אינגאנצן נישט אין שטאנד מיט דעם כבוד ווי עס ווערט באטראכט מיט תורה'דיגע אויגן. און דערפאר איז געווען די טענה אויף די תלמידים פון רבי עקיבא, בלויז ווייל זיי זענען נישט געווען גענוג גוט. און דאס איז דער פשוט'ער אמת. ס'איז נאר אז זיי האבן זיך געדארפט פירן מיט מער שעצונג און מער אנערקענונג פון איינעם צום צווייטן.

אבער שטעלט זיך נישט פאר אין געדאנק אז עס איז היינט דא עפעס אן ארט וואו מען פירט זיך אזוי בכבוד'יג און מיט אנערקענונג ווי די תלמידים פון רבי עקיבא האבן זיך געפירט איינער צום צווייטן. עס איז נאר אז עס איז נישט געווען גענוג גוט.

ס'איז נישט גענוג גוט פאר גרויסע לייט. ווי עס שטייט (תהלים נ:ג), **וסביביו נשערה מאד** - ארום אים איז זייער שטורעמיש. אויף אלע זייטן ארום דעם באשעפער, ווי נענטער דו קומסט צו אים, אלץ מער שטורעמיש איז דארט. עס איז שטורעמיש נאנט צום באשעפער! ווען דו ביסט נאנט צום באשעפער דארפסטו זיך אכטונג געבן. אויף דעם פסוק זאגט די גמרא: **מלמד שהקדוש ברוך הוא מדקדק עם חסידיו כחוט השערה** - מיט די וועלכע זענען נאנט צו אים, איז דער באשעפער מדקדק אפילו אויף א דינער האר (יבמות קכא:). דערפאר, די גרויסע לייט, די געהויבענע תלמידים פון רבי עקיבא, פון זיי איז ערווארטעט געווארן צו זיין פיל בעסער.

אבער מאכט נישט קיין טעות צו טראכטן אז זיי האבן זיך געפירט שפיזיג אדער אוממענטשליך איינער צום צווייטן אין אן אופן וואס מענטשן מיינען היינט.